UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Tsvey Yubilarn/ Two Anniversaries

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/930802ds

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
Samuel Weiss, Shmuel Vays/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# צוויי יוביליאַרן

דער יידישער קולטור־סעקטאָר אין לאָס אַנדזשעלעס האָט פּאַריקן חודש געפּייערט צוויי יובילעאומס — דעם 75סטן געבוירן־יאָר פון זלמן שלאָסער און דעם 95סטן געבוירנ־יאָר פון תנחום ברייס. חבר שלאָסער איז דער רעדאַקטאָר פון „חשבון״ און אַן אַקטיווער טוער אין דעם לאָס אַנדזשעלעס יידישן קולטור־קלוב. תנחום ברייס איז אַ לאַנג־יאָריקער אַקטיווער טוער פון אַרבעטער רינג, אין דעם ל. א. קאָמיטעט פאַרן „איווא״ און אַ מעצענאַט פון פאַרשיידענע קולטור־אונטערנעמונגען.

דער יום־טוב לכבוד זלמן און נעכע שלאָסער איז אַראַנזשירט געוואָרן פון די קינדער און אייניקלעך, ביי אַ סעודה כּיד המלך, אין דער היים פון זייער טאָכטער, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אַחוץ די גאַנצע משפּחה אויך די נאָענטסטע פריינד פון דעם באַליבטן פּאָר־פאָלק.

דער יום־טוב לכבוד תנחום ברייס, וועלכער וווינט איצט מיט זיין פרוי אין דער אַרבעטער רינג אָפּטיילונג פון דער היים פאַר עלטערע, ווערט אָפּגעצייכנט דורך אַ קאַמפּיין פאַר דעם עלטסטן יידישן זשורנאַל „די צוקונפט״, אין וועלכן פריינד פון דעם בעל־היובל וועלן אים באַגריסן.

יידישע קולטור־עסקנים אין דער שטאָט, פריינד און פאַרערער פון ביידע יוביאַלרן, ווינטשן זיי אריכת ימים ושנים און אַ גליקלעכן עלטער עד מאה ועשרים.

שמואל ווייס

---

# לזכר עולם

מיר דריקן אויס אונדזער צער און טרויער אויפן טויט פון דער צאַרטער דיכטערין

## ברכה קודלי ע״ה

זי איז איר גאַנץ לעבן געווען פאַרליבט אין יידישן ליד.

כבוד איר אָנדענק.

---

**די משפּחה:**

**טעד קודלי,**

**מאָטיע, מאַניע און נאָראַ גאָרדאָן**

**מעי און דייוו בעל**